d06b286

באַריכט וועגן דער דורכגעפירטער ארבעט אין פרילינג 1927 און וועגן דער פאָרשטייענדער אין הערבסט ארבעט אין די פונקטן: דזבינאָוואָ, איגנאַטאָווקע, סאָפיעווקע, אָסאָוואָ, זשעלוצק-לעליזאַרקע, קליין-סעלישטש, איוואַניקי-פינסק, יעזיאָראַני, סטאָלאָוויטש, גראָדנע און וואַרשע.

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

אלגעמיינעס: די אלגעמיינע טעטיקייט אין דעם פארגאנגענעם פרילינג איז באשטאנען אין פארפלאנצן 1613 פרוכט-ביימער: עפל, בארנעס, פלוימען און קארשן. 600 קוסטעס מאלינעס ביי 45 לאנדווירטן. 34260 פלאנצונגען אפפן ביי 20 לאנדווירטן. אינסטרואירונג אין די אלע איבנאנגערופענע פונקטן ביי די לויפנדע ארבעטן אין די סעדער ביי יאגאדע-פלאנטאציעס און גערטנער, ווי אויך די איינפירונג אין די פונקטן, וואו עס געפונען זיך פאר-פלאנצטע ביימער, דעם קאמף מיט אלערליי שעדליכע ווערים, שוועמלקראנקהייטן און לייז, וועלכע פארניכטן פון אנפאנג דעם וווקס פון די ביימער און נאכהער די פרוכטן. סיזיינען אויך געגעבן געווארן פארשיידענע אנווייזונגען די בינען-צוכטער וועגן דער נויטיקער ארבעט און וועגן דער פארמערונג פון די בינען-משפחות. א באזונדער אויפמערקזאמקייט האט צוגעצייגן די אויפקלערונג די לאנדווירטן, וועמען עס פעהלט אויס פעלד-באמיסטיגונג, אז זיי זאלן אנהויבן צו נוצן קינסטלעכע באמיסטיגונג ווי סופערפאספאט, טאמאשלאק א.א.וו.

א גאנץ אנגעזעענעם ארט אין אונזער ארבעט פארן לויפנדן פרילינג האט פארנעמען דאס ארגאניזירן און איינשטעלן אין 4 קאלאניעס מילך-ווירטשאפטן. די ארגאניזירונג פון די מילך-ווירטשאפטן האט צוגענומען פיל איבעריקע צייט א דאנק וואס די איינגעקויפטע מכשירים זיינען ארויסגעשיקט געווארן דורך דער פירמע „אלפא-לאוואל" מיט א גרויסער פארשפעטיגונג און דאס ניט אלע מיט א מאל. מיר איז אויסגעקומען צו באזוכן איבעריקע מאל די פונקטן אין דעם רעכטן ברען פון פלאנצונגס-סעזאן. פון דער אנדערער זייט האט די פארשפעטיגונג פון די מכשירים געבראכט צו א ווייטערדיקן אפהאלט אין דער ארבעט ווי צ.ב. די אנגאזשירטע אינסטרוקטארן פאר דער מילך-ווירטשאפט, וועלכע האבן נישט געקענט זיך שטעלן צו דער ארבעט צום באשטימטן טערמין, האבן זיך אינגאנצן ענטזאגט און עס איז אויסגעקומען אויף דאס ניי צו זוכן אנדערע פאכמענער. ניט געקוקט אבער אויף די אלע שטערונגען, איז דאך געלונגען אויסצוגעפונען אין דער נויטיקער צייט אנדערע פאסיקע פאכמענער און ארגאניזירן און איינשטעלן די מילך-ווירטשאפטן אין דער בעסטער ארדנונג.